ישראל שטערן

# פאַרנאַכטן

פאַרנאַכטן זענען קינדער געפונען הינטער פּלויטן
פאַרנאַכטן זענען זקנים וואָס קענען נישט דערשטאַרבן
פאַרנאַכטן זענען לאָמפּן — עס ברענען שוין די קנויטן.
פאַרנאַכטן זענען אויגן פון שטילע משוגעים,
פאַרנאַכטן זענען בריוו געשריבן און צעריסן:
עפּעס ווערט לייכטער און עפּעס גייט אונטער...
פאַרנאַכטן זענען רינגען אויף אָפּגעהאַקטע פינגער:
בלוט אויף גאָלד — גאָלד אויף בלוט.
פאַרנאַכטן זענען אָרימס פון שיינע בעטלערקעס.
פאַרנאַכטן זענען פאָנען אין פאַרשפּילטע שלאַכטן.
פאַרנאַכטן זענען פידלען בעת טייוואָלים כאַפּן
פון שטוב אַרויס די כלה...
פאַרנאַכטן זענען פענסטער פון פאַרלאָזטע שולן,
שויבן קלאָגן אין קאָלירן...

פֿאַרנאַכטן

די עפּאָכע (פּאַריז – וואַרשע, 1928)

נומ׳ 2, 1928, ז׳ 122